# מיין בוך „אָסטראָלענקע“

ישראל שטערן / וואַרשע

I.

פונקט ווי איינער, וואָס ליגט צופיסנס
פון דער נאַכט און בינדט אַרום
זיין קאָפּ מיט טונקל, ווי באַנדאַזשן,
ווייל שווערער ווייטיק שניידט אַריין
מיט לאַנגע מעסערס, ווי לאַנגע יאָר,
ווייל צענדליקער לאַמטערנעס שפּייען
מיט ליכט אַראָפּ אויף טראָטואַרן,
און יעדער ליכטפּלעק איז אַ יאָר,
ליגן אַלע זיינע יאָרן
אויסגעשפּיגן אויף די גאַסן.
און ער אַנטלויפט (ווי דער הימל
אַנטלויפט פאַרנאַכט, ווען ער זעט שוין:
זיין גאַנץ פאַרמעגן איז פאַרברענט,
זיין לעצטע גאָלדענע מטבע
איז אויכעט פאַלש און רייבט זיך אָפּ...)
און ער אַנטלויפט [ווי אַ מאַמע
ביי דער לויה פון איר קינד,
ווען ס'פאַרגייט איר זען און הערן,
און ביי יעדן טריט רוימט דער ווינט
איר איין אין אויער: גיי צוריק!

אַז וועסט זען דיין ליכט באַגראָבן
וועסטו דאָך משוגע ווערן
און דיינע איבריקע קינדער
דאַרפן נאָך אַ מוטער האָבן...]
און ער אַנטלויפט און טיקט זיך אונטער
אין דעם חושך ווי אין אַ טייך—:
אפשר האָט ער שווערע זינד,
אפשר דאַרף ער אויפגיין רייך
טובלענדיק זיך און געלייטערט,—
מוז ער איינזאַם זיין, דערווייטערט,
ווייל ווי לאַנג ס'וואָל איז נישט געשוירן
קען מען דאָך נישט נעמען שפּינען,
און אויב ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן
וועט ער אפשר גאָט געפינען.

ווער ווייס דען וואָס זיין טרויער מיינט?
ליגט ער ערגעץ ביי אַ פּליין,
ביי פאַרשטויסן פרעמדן פּליין,
און גלייך ווי אין אַ ברייטן קיטל
האַלט ער אין פינסטערניש פאַרוויקלט
די אַלע טיילן וואָס צעשטיקלט
האָט די וועלט אים און ער וויינט.

נאָר אָט גייט אימיץ פון דערווייטן
מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט.
נעמען ציטערן די שאָטנס
און אַנטלויפן אין די זייטן,
נעמען שאַרן זיך ביי וואַנט,
ווילן אַ רעטער דאָ געפינען
און פאַלן־צו צו דעם וואָס ליגט,
צום עלנדטרויעריקן וואָס ליגט
און בעטן זיך ביי אים תחנונים.

פּונקט ווי איינער וואָס ליגט צופיסנס
פון דער נאַכט און בינדט אַרום
זיין קאָפּ מיט טונקל, ווי באַנדאַזשן,
נאָר שאָטנס, וועלכע קריגן מורא
ווייסן נישט דערפון און ריכטן
זיך פון שטאַרקן מענטש אַ הילף,—
אַזוי קומט איר צו מיר געזיכטער
אָסטראָלענקער און טוליעט זיך
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ,
ווי מיט אַראָפּגעלאָזטע יאָרן;
נאָר פון 'איך אַלע איז געוואָרן
מיר איינער נאָענט: אפרים גאָלדברוך

II

אַ שיינער ייד!—האָבן אַלע געזאָגט,
ווי מ'זאָגט האַלב־חודש: ס'אַר אַ שיינע נאַכט!
ביסטו געווען ווי די לבנה.
און האָסט קיין היים נישט געהאַט.

דעכער קושן צאַרט זיך באַרירנדיק זיך קוים.
דער הימל צאַפּלט ווייך ווי אַ בלאָער עוף.
פענסטער אַנטלויפן פון דער גאַס, זוכן זיסן טרוים...
עס שטייט שוין איצט די שטאָט ביזן האַלז אין שלאָף.

די נאַכט וואַשט איר לייב מיט ווינט
און שפּיגלט זיך אין שטילע גאַסן.

עס פלאַטערן נאָך בלויז צוויי אויפגעפּראַלטע לאָדן,
ווי קינדער וואָס ווילן זיך נישט באָדן
כאָטש זיי שטייען שוין אין וואַסער...

„מ'האָט אַ ווייב, מ'האָט אַ בעט און אַ גבירישע הויז,
אַ שיינער באַלעבאָס, און קריכט אום ווי אַ מויז“ —
האָבן געשמועסט זעבראָווסקי סטראַזשניק און דער כּלבים־שלעגער:
„נאָך אָפּן, פּאַניע, קוק, די שטאַבעס נאָכנישט אויפגעהאָנגען!“
נאָר דו הערסט נישט, און די שטערן זענען דיר נאָכגעגאַנגען
און געהאָלפן זוכן אַ געלעגער.

III

שלאָפּסטו ערגעץ בעטלעריש און ליגסט — אַליין אַ זאַק — אויף אַ זאַק.
דיין אַלטקייט ברעכט זיך אויפצושטיין מיטן ערשטן קריי פון האָן.
און ביי דיר אין דערהיים איז פול מיט דופט: אַזוי זענען אויף די טאַפּעטן
לעבעדיק די בלומען... און אַ בעט פון פיינעם מאַהאָגאָן

שטייט הויך־פול־זויבער־איינזאַם, דערוואַרט זיך נישט אויף דעם באַלעבאָס
און דרימלט איין אין קילן בעטציייג ווי אין פרישן טיפן שניי.
נישט האָב פאַריבל, אפרים גאָלדברוך, וואָס מ'האָט דיך פון דער רייכער שטוב
אַרויסגעוואָרפן ווי אַ פליג פון אַ שיינער בלאַנקיקער גלאָז טיי.

ס'איז דאָך מסוכן מיט אַזוינעם וואָס ווייס נישט אַז נגידים בלויז
מוזן עסן ברויטאייל־חלה און ער לויפט אַרום און שרייט:
ווי אַזוי־זשע קייען אויף די „פּיאַסקעס“ קינדער שטיקער גלאָז פאַר הונגער.
ווען האָב און גוטס און גאָט אַליין געהערט צו די אָרעמעלייט...

און אייער קאַפּאָטע, הער גאָלדברוך, איז דאָך נישט קיין טייך.
סאָ ווי אַזוי איז הינטער דער פּאָלע פלוצים דאָרט געוואָרן

אַ לעבעדיקער שליטען!—דאָס האָט איר דאָך צוגעלקחנט
ביי אייער פריידען און איר טראָגט עס צו אַ שוואַכער קימפּעטאָרן.

אין דאָס מעשה־מענטש? לאָז־צו אַוועגעס צו אַ שופלאָר
ווען דער פּריון כּ־יענט אין קראָם, וועט ער דאָך ליגן אַלץ אין ד׳ערד.
טאָ נעם פּאַר אומגעט נישט, אפרים, וואָס מ׳האָט דיך אַרויסגעשלחט.
דו כיסט געווען אין נגידישן הויז: אַ גרויזאַמער בריוו אין אַ צאַרטן קאָנווערט...

IV

נו מילא כּאָטש, איז פּריטיק, ווייס מען:
ביים עק שאַבּש הייצט מען אין דעם האָריזאָנט;
קוקט אפרים: אין הימל באַקט מען חלות
לכבוד שבת.



און ביים לאַטוטניק יאָסל שטאַרבט מען פאַר אַ בים.
דאַרף מען נעמען קלויבן: יידן פלעכט אַריין
אַ קאָפּיקע אין אַ קוילעטש!

און אַז דער אָוונט שטעלט אַריין
אין ווייסע וואָלקנס דויטע צונגען,
זעט מען דאָך שוין אַז דאָרט אויבן
צינדט מען ליכט אין זילבער־לייכטער.

און לייקע די אלמנה זאָל זיצן אין דער פינסטער?

איז מילא כּאָטש, נו פּריטיק, זעט מען
אַ מענטש טוט וואָס ער קאָן.
נאָר אַ גאַנצע וואָך? רחמנא ליצלן:
פון די ערשטע פלעקן טאָג
ביז התחילת נאַכט - רק ער זאָגט,
דעם טלית אויפן קאָפּ און זאָגט — —

V

מישן זיך די וואָלקן און בלעטערן זיך אָן קלאַנג.
שטיל און הייליק מאַכט זיך אויף דער טאָג
ווי עס עפנט זיך זוּם־פּאַרכטיק אויף אַן אַלטער ספר,
די זון קומט אַרויס ווי אַ שיינער געדאַנק.

האָרכן! די גאַסן און ווערן ריינער...

שטעטל האָט דעם שלאָף אָפּגעטרייסלט פון די אויגן
ווי מען ווישט אָפּ דעם שטויב ערב־פּסח פון די חפצים.
אפילו האָרקי שניידער, וואָס זיצט שוין ביי דער מאַשין געבויגן,
גייט מער קאַפּיטלעך תהלים ווי דרילכלענע פליצעס.
און וואָס טוט אפרים גאַלדבּרוך?
ער דאַוונט.

ליגט דער האַלבּטאָג אין דער וועלט און ברענט פאַר כּעס און איז פאַרשעמט:
מען שיט, מען וואַרפט אָן אויף זיין לייב נאָפּט און זאַלץ און זייף און מעל׳
ער האָט מענטשן ליב און לייכט פאַר ליבשאַפט, נאָר זיי צו אים זענען פרעמד׳
און ליגט דער האַלבּטאָג, שינדט מען אָפּ אים און מען פאַרקויפט זיין פעל..׳

דער מסחר גייט אין מאַרק—אין הימל גייט די זון און שיט אין גיין
גאָלדענע בערגלעך געשטן און ווי צין;
וואָלקנס כאַפּן שטראַלן אין מויל ווי יונגעלייטלעך פריצן,
וואָס זוכן קניהלעך ביי תבואה און האַלטן שטרויען אין די ציין.

און וואָס טוט אפרים גאַלדבּרוך?
ער דאַוונט.

נאָר דער טאָג ט׳ויך שענער נאָך געענדיקט ווי זיך אָנגעהויבן!
די גאַסן ליגן רויקע און בלאָע ווי אַ טייך.
און די ווייכע רגעס פון פאַרנאַכט פליען איבער זיי ווי טויבן,
און צו אַ טיר פון שווערן גאָלד, וואָס האַלט פאַרמאַכט אַ קעניגרייך,

פּאַסט־צו די זון פון בלוט אַ שליסל... אין־זיך־פאַרטראַכט און פרום געבויגן
שטייען איצט די ציגל־הייזער, וואָס זענען אַזוי שטאָלץ געווען
מיט אײַן שעה פריער, ווי קלוגע וואָס האָבן אַ סך געזען
און סוף כּל סוף נאָר איינס דערזען: אַז מען מוז גלויבן...

און כאַצקל קופּערטינג באַנרייפּט נישט וואָס פּלוצלינג איז מיט אים געשען,—
אינטערן האַרץ=ברענט אַזוי שווער און ווי אַ קינד האַלט ער דעם קאָפּ אויף די שויבן
און קוקט אין מאַרק—: שאָטנס פאַלן צו דער ערד האַלונדיק די שטיינער;
שטייט ער אין קראָם—און פאַרגעסט—און דערמאָנט זיך—און ס׳גלוסט זיך אים וויינען.

און וואָס טוט אפרים נאָלדברוך?
ער דאַוונט.

---

VI

רב אפרים, רב אפרים!
ווי קען אַ מענטש אַ גאַנצן טאָג
גאָרנישט טון, נאָר תּפלה טון?
אויף אַ פאַריאָרשטן שיינעם צאָן
האַלט די וועלט אַ גרויסע וואָג,

קיקן מענטשן דער וועלט אין מויל;
וואַרפן ביסלעך שטערן און ערד צביכל,
גלייך מוז זיין די לימענע שיכל:
העפלעך וואָלט געווען — אַ גרויל —

ווען אויף דער צי אויף ענער זייט
זאָל געטען פאַלן, זיך בייגן, (ווי אַ שלעכט געוויסן)
ס׳וואָלט זיך פאַרערשטער צאָן אַרויסגעריסן
און אַ פינסטער לאַך געמאָלט דער אייביקייט.

וואַרפט מען לאַגגזאַם האַרץ ווי פּאַסן האָניק
און שטיקער ערד, ווי לעקאַך, אויף דער וואָג, —
טאָ ווי קען אַ מענטש אַ גאַנצן טאָג
גאָרנישט טון חוץ תּפלה טוענדיק?

VII

און אפרים נאָלדברוך ענטפערט:

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

(סוף קומט)